
פרץ מארקיש




פרץ מארקיש
וואָלין
פּאָעמע




פערעץ
מארקיש
פון

# פּרץ מאַרקיש 1952-1895

פּרץ מאַרקיש איז געווען איינער פֿון די סאַמע פֿלאַמיקע פּאָעטן פֿון זײַן דור. זײַן ווערק שטייט — לויט דער פֿאָרעם — אין אַ כּסדרדיקן דיאַלאָג מיט טראַדיציאָנעלע ייִדישע טעקסטן (אָפֿט מיט אַ סובווערסיווער כּוונה). וואָס שייך דעם אינהאַלט איז מאַרקיש אַ שרײַבער פֿונעם רוסיש־אוקראַיִנישן תּחום, וואָס גיט זיך ס'רובֿ אָפּ מיט ייִדישער געשיכטע און קולטור.

אַ געבוירענער אין אוקראַיִנע, ווערט ער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. דערנאָך וווינט ער אין יעקאַטערינאָסלאַוו (הײַנט דניפּראָ), קיִעוו און וואַרשע. ער פֿאָרט אויך אַרום איבער בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן און ארץ־ישׂראל.

אונטער דער השפּעה פֿונעם דײַטשישן עקספּרעסיאָניזם און דעם רוסישן פֿוטוריזם שטעלט מאַרקיש דעם „איך" אין מיטן פֿון זײַן פּאָעטישער וועלט. זײַן אַוואַנגאַרדיזם דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין דער פּאָעמע *די קופּע* (וואַרשע, 1921 און קיִעוו, 1922), וווּ אַ קופּע ייִדישע מתים, קרבנות פֿון אַ פּאָגראָם, ווערט געגליכן צום באַרג סיני אונטער אַ ליידיקן הימל. ער טעאָריזירט אָט די עסטעטיק אין דער צײַטשריפֿט *כאַליאַסטרע* (1922): „אונדזער מאָס איז — נישט שיינקייט, נאָר — שוידערלעכקייט".

זײַן באַזעצן זיך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד (1926) איז אַ פּועל־יוצא פֿון זײַן באַגער נאָך אַ קינסטלערישער רעוואָלוציע און פֿונעם פֿאַקט אַז ס'איז דאָס לאַנד וווּ ייִדיש ווערט צום מערסטן אָנערקענט דורך דער מלוכישער מאַכט.

אין די 1930ער יאָרן, ווען מע באַשולדיקט אים אין אָפּגעבן צו פֿיל אָרט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געפֿיל, פּרוּווט ער זיך צופּאַסן צו דער אידעאָלאָגישער ליניע.

אין 1941 ווערט ער אַ מיטגליד פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אין דער ליטעראַריש פֿרײַערער תּקופֿה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה שאַפֿט ער אין דער פּאָעמע *מלחמה* (1948) און אינעם ראָמאַן *טראָט פֿון דורות* (דערשינען אין 1966) אַ סינטעז צווישן ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע און דעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם.

ער ווערט אַרעסטירט דעם 27סטן יאַנואַר 1949. בעתן פּראָצעס איז ער כּמעט דער איינציקער צווישן די אָנגעקלאָגטע וואָס וואַרפֿט אָפּ די באַשולדיקונגען. ווערט פֿאַרמישפּט צום טויט און דערשאָסן אין מאָסקווע דעם 12טן אויגוסט 1952.

זשיל ראָזיע

# Perets Markish 1895-1952

Perets Markish fut l'un des poètes yiddish les plus flamboyants de sa génération. Son œuvre est, dans la forme, en conversation constante avec les textes juifs traditionnels, souvent pour les subvertir. Dans le contenu, c'est un écrivain de la sphère russo-ukrainienne qui donne la part belle à la culture et à l'histoire juives.

Né en Ukraine, il est mobilisé dans l'armée russe durant la première guerre mondiale. Il vit ensuite à Yekaterinoslav (aujourd'hui Dnipro), à Kiev et à Varsovie, et visite Berlin, Paris, Londres et la Palestine.

Sous l'influence de l'expressionnisme allemand et du futurisme russe, Markish place le moi au centre de son univers poétique. Son avant-gardisme atteint un paroxysme avec le poème *Di kupe* (Le Monceau, Varsovie 1921 et Kiev, 1922), où après un pogrom un tas de cadavres de Juifs est un mont Sinaï s'élevant vers un ciel vide. Il théorise cette esthétique dans la revue *Khalyastre* (1922) : « Notre mesure n'est pas la beauté mais l'horreur ».

Son installation en URSS (1926) est mue par sa soif de révolution artistique et le fait que nulle part ailleurs le yiddish n'est aussi reconnu par une puissance étatique.

Accusé de faire trop de place à l'identité nationale juive, il tente, dans les années 1930, de se conformer à la ligne idéologique.

En 1941, Markish rejoint le Comité antifasciste juif. Dans le contexte de libéralisation dû à la guerre, il fait la synthèse entre le martyrologe juif et le patriotisme soviétique dans le poème épique *Milkhome* (Guerre, 1948) et le roman *Trot fun doyres* (La marche des générations, publié en 1966).

Arrêté le 27 janvier 1949, il est l'un des rares anciens membres du Comité à plaider non coupable. Condamné à mort, il est exécuté à Moscou le 12 août 1952.

*Gilles Rozier*